בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ס"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת במדבר - שבועות תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, בַּיי אַ מְסִיבַּת 'שֶׁבַע בְּרָכוֹת' וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, לְכָבוֹד דִי מְחוּתָּנִים אוּן דֶער חָתָן וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי מוֹסְדוֹת.**

### וָואס נֶעמְט מִיט אַ קִינְד?

אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף קִינְדֶער מִיט אַ וַוייטֶע בְּלִיק, וָואס עֶס גֵייט זַיין אַפָּאר יָאר אַרוּם מִיט דֶעם קִינְד.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם מְחוּתָּן:** דוּ הָאסְט דָאךְ תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶע זֶענֶען וואוֹילֶע אִינְגֶעלַייט, צְווִישְׁן דִי מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען יֶעצְט דָא, זֶענֶען אוֹיךְ דָא פוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים; טְרַאכְט אַרַיין וָואס בְּלַייבְּט פוּן דִי כִּתָּה? וָואס בְּלַייבְּט פוּן דִי שָׁעוֹת וָואס אִיךְ זִיץ אִין כִּתָּה, לָאמִיר רֶעדְן פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וֶוערְט מִיט דִי יָארְן אַן עֶלֶעקְטֶערִישָׁאן, וָואס נֶעמְט עֶר מִיט פוּן זַיינֶע חֵדֶר יָארְן? - דֶער מְחוּתָּן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"עִבְרִי נֶעמְט מֶען מִיט פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן".**

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** עִבְרִי אִיז אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס בְּלַייבְּט פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, דָאס אִיז דָאךְ פָּשׁוּט, אָבֶער לָאמִיר זֶען וָואס נָאךְ בְּלַייבְּט אוֹיף דִי זִיבֶּעצִיג יָאר; אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט: נֶעגְל וַואסֶער, צִיצִית, מַאכְן בְּרָכוֹת, דַאוֶוענֶען, קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, זִיךְ וַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם פַאר מֶען עֶסְט בְּרוֹיט, מַאכְן אֲשֶׁר יָצַר וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַכִּסֵא, צְנִיעוּת; אַ מְלַמֵּד דַארְף קוּקְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס רֶעדְן אִין בֵּית הַכִּסֵא, אוּן אוֹיבּ עֶר זֶעט אַז מֶען רֶעדְט זָאל עֶר זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען: **"מֶען רֶעדְט נִישְׁט אִין בֵּית הַכִּסֵא", "מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִין בֵּית הַכִּסֵא"**.

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת

אִיךְ בִּין מַקְפִּיד אַז אִין אַלֶע בִּנְיָנֵי הַמּוֹסְדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זָאלְן דִי וֶוענְט פוּן דִי בֵּית הַכִּסֵא'ס זַיין אַבִּיסְל אָפְן, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין קַיין גֶענְצְלִיךְ פַארְמַאכְטֶע בֵּית הַכִּסֵא'ס. אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ טָעוּת בַּיים בּוֹיעֶן, בִּשְׁעַת מֶען הָאט גֶעבּוֹיט דִי בֵּית הַכִּסֵא'ס הָאט מֶען גֶעמַאכְט דִי טִירְן כִּמְעַט בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי בּוֹיעֶרְס אַז אִין דִי עֶפְנְטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער דַארְפְן דִי בֵּית הַכִּסֵא'ס זַיין אָפְן פוּן אוּנְטְן, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז אִינְגֶעלַייט ווִילְן עֶס זָאל בַּאקְוֶועם, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט **"אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִין אָפִּיס קֶען מֶען מַאכְן ווִי אַזוֹי עֶס אִיז בַּאקְוֶועם, אָבֶער דָא מוּז אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער!"** אוּן מֶען הָאט גֶעצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט עֶס אִיבֶּער צוּ מַאכְן.

[דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט דֶרֶךְ אַגַב אַז גֶעוֶוענְלִיךְ נוּצְט מֶען נִישְׁט צוּ אַסַאךְ אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִי סָארְט בֵּית הַכִּסֵא'ס, וַוייל פַאר מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז מֶען זִיךְ מְיַישֵּׁב אוּן מְסַדֵּר אַלֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן].

אִין דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן הָאט מֶען גֶעהַאט גֶעבּוֹיט פֶענְסִי (שֵׁיינֶע) בֵּית הַכִּסֵא'ס פַארְמַאכְט בִּיז אוּנְטְן, עֶס הָאט מִיךְ מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעגֶעסְן דָאס גֶעזוּנְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי גַבָּאִים אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט הָאבְּן, אוֹיבְן אִין דִי שְׁטִיבֶּער קֶען עֶס זַיין פַארְמַאכְט, וַוייל יֶעדֶער וֵוייסְט מִיט וֶועלְכֶע צֶען מֶענְטְשְׁן עֶר שְׁלָאפְט, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת, אָבֶער אוּנְטְן וָואס אִיז אַ מָקוֹם רַבִּים דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, עֶס מוּז זַיין אָפְן פוּן אוּנְטְן, אוּן מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן אַלֶע בֵּית הַכִּסֵא'ס פוּן אוּנְטְן.

### מֶען דַארְף אִים מְחַנֵּךְ זַיין!

אַ מְלַמֵּד דַארְף צוּלֵייגְן קָאפּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן הֵיילִיג, אוּן אוֹיבּ מֶען כַאפְּט אַ אִינְגְל זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, זָאגְט מֶען אִים: **"מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט".**

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר אָנְגֶערוּפְן דִי וָואךְ אוּן דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ קִינְד זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַן אַנְדֶערֶער קִינְד, עֶר פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס טוּט מֶען?"** אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף אִים מְחַנֵּךְ זַיין! אַז מֶען כַאפְּט אַ קִינְד זִיךְ שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל, וֶוערְט מֶען נִישְׁט שְׁטוּם אוּן מֶען בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אוּן קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוֹיךְ וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין רוֹצֵחַ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁלָאגְן, וָואס דֶען? מֶען אִיז



מְחַנֵּךְ, מֶען זָאגְט זַיי: **"דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, דֶער אייבּערשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"**, אוּן אוֹיבּ עֶס פַּאסִירְט שׁוֹין אַ צְווייטֶע מָאל, מֶען זֶעט אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט בְּלוֹיז רֶעדְן, ווֶעט מֶען שׁוֹין דַארְפְן גֶעבְּן אַ פֶּעטְשֶׁעלֶע, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז אַן עֶלְטֶערֶער קִינְד, דַארְף מֶען זֶען וָואס צוּ טוּן.

## אֵיין מְלַמֵּד גֶעדֶענְקְ אִיךְ

מֶען דַארְף זִיךְ פַּארְלַייגְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ אִידִישׁ קִינְד, אַ בָּחוּר, וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַ פָּאלִיצְיַאנְט, [אִיךְ מֵיין אַז מֶען הָאט אִים שׁוֹין פוּן דָארְט אוֹיךְ אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן], אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגְרִיסְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאפְרַיינְדְט מִיט אִים, זָאגְט עֶר מִיר: **"דוּ ווייסְט וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן אַלֶע מַיינֶע יָארְן אִין חֵדֶר? אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אֵיין מְלַמֵּד וָואס פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס גֶעדֶענְק אִיךְ, מֶער גֶעדֶענְק אִיךְ גָארְנִישְׁט"**, דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט כְּסֵדֶר אִין דִי בְּרִיוְון: **"דֶערְצֵייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פַאר דִי קִינְדֶער"**.

## אַרֵיינְלֵייגְן מוּסָר אִין דִי מַעֲשֶׂה

דוּ קֶענְסְט דָאךְ נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת, דוּ מוּזְט דָאךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען עִבְרִי, חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת, אָבֶּער דֶערְצֵייל יֶעדְן טָאג אֵיין מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, אוּן אִין דִי מַעֲשֶׂה לֵייג אַרֵיין מוּסָר.

אוֹיבּ אַ טַאטֶע הָאט דִיךְ נֶעכְטְן נַאכְט גֶערוּפְן זָאגְן אַז זַיין קִינְד פְּלֶעגְט נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, מוּזְטוּ נַאכְנִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אוֹיסְרוּפְן: **"קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרוֹיף רוּפְן אַ אִינְגֶל וָואס פְּלֶעגְט נִישְׁט זַיין טַאטֶע, מֶען גֵייט אִים יֶעצְט פַארְשֶׁעמֶען בָּרַבִּים"**, פַּארְוָואס זָאל מֶען אִים פַארְשֶׁעמֶען בָּרַבִּים? ווַייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט אִינְדֶערְהֵיים?! קֵיינֶער פָּאלְגְט דָאךְ נִישְׁט אַלְס קִינְד, דֶערְמַאן זִיךְ פוּן דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט אַלְס קִינְד, טוּ אַנְדֶערְשׁ, זָאג פַאר דִי קִינְדֶער: **"אִיךְ גֵיי עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב"**, דוּ ווֶעסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ מַאמֶע, ווַייל זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ ווֶען זִי הָאט אִים גֶעבּוֹירְן, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים ווֶעסְטוּ זָאגְן: **"דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, צוּ אַ טַאטֶע דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע!"** אַזוֹי ווֶעט עֶס אַרֵיין גֵיין אִין דִי קִינְדֶער.

## אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעגְרֵייט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ ווֶעל אַרֵיין לֵייגְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִינֶעם אָפְּטֵיילוּנְג **"עֶצְתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער"**, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט זַיינֶע הֶענְט ווַייל עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן זַיין מַאמֶע אַלְס קְלֵיין קִינְד,

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶער מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ שְׁרֶעקְלֶעכְדִיגֶע בִּילְד מֶען זָאל זֶען ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ בְּרֶענְט זִיךְ אָפּ זַיינֶע הֶענְט, אוּן אִין דִי זַייט אִיז דָא אַ קָאוֹטִשׁ, עֶס זִיצְן דֶערוֹיף זַיין מַאמֶע אַן עֶלְטֶערֶע פְּרוֹי, אוּן זַיין טָאכְטֶער אַ פְרוֹי מִיט אַ קִינְד, אוּן מֶען זֶעט ווִי דֶער קִינְד פַּאטְשְׁט דִי פָּנִים פוּן זַיין מַאמֶע, אִיךְ ווִיל אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן נֶעמֶען דִי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן בְּשַׁעַתְ'ן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת זָאל מֶען אַרֵיין לֵייגְן אַלֶע ווִיכְטִיגֶע מוּסָר, מֶען זָאל זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן טַאטֶע מַאמֶע!"**

**[מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שליט"א שְׁרַייבְּט דִי מַעֲשֶׂה, אִינֶעם קוּנְטְרֵס עֶצְתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת יִתְרוֹ תשפ"ג לִפְרָט קָטָן:**

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן קוֹלוֹת, אֵיינֶער שְׁרֵייט מִיט אַ ווֵיינֶענְדִיגֶע שְׁטִימֶע: "אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!"

ווֶער ווֵיינְט דָארְט? ווֶער שְׁרֵייט דָארְט? וָואס גֵייט דָארְט פָּאר?!

קִינְדֶער הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ אַ הֵיילִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּנֶעם צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. גֶעווֶען אִיז דָארְט אַמָאל זַיין טָאכְטֶער מִיט אִיר קְלֵיין קִינְד, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק זֶעט ווִי זַיינְס אַן אֵיינִיקְל אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּילֶע פַּאטְשְׁט דִי מַאמֶע, אַזוֹי ווִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער טוּעֶן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אָנְגֶעהוֹיבְּן ווֵיינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: "אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!" דֶער צַדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע.

דָארְט אִיז גֶעווֶען דִי צַדֶּקֶת מִירִישׁ, דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ, רוּפְט זִי זִיךְ אָן: "מֵילֶעךְ, ווֶען דוּ בִּיסְט גֶעווֶען אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי הָאסְטוּ מִיךְ אוֹיךְ גֶעפַּאטְשְׁט..." ווֶען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר שִׁיעוּר נִישְׁט גֶע'חַלֶּשְׁ'ט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן ווֵיינֶען: "אִיךְ הָאבּ גֶעפַּאטְשְׁט מַאמִי!" עֶר אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּם פַייעֶר, עֶר הָאט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אִין פַייעֶר אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפַּאטְשְׁט מַיין מַאמֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין גֶעווֶען קְלֵיין אָן קֵיין שֵׂכֶל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּיסְט וָואס אִיךְ טוּ"; אַזוֹי אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן.

קִינְדֶער, מִיר ווֶעלְן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן דָא אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה, מִיר ווֶעלְן דֶערְצֵיילְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ ווַייטֶער דִי מַעֲשֶׂה.

קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה?

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע, ווִי שְׁטַארְק מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַ מַאמֶע.

אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זַיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה אוֹיף עֲבֵירוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן ווֶען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעווֶען אַזוֹי קְלֵיין אָן קֵיין שֵׂכֶל.

מִיר בְּרֶסְלֶבְ'ער קִינְדֶער ווֶעלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט, ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט טוּן קֵיין סִיגוּפִים, מִיר מַאכְן נִישְׁט וָואס דִי צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת מַאכְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ ווֶעג פוּן תְּשׁוּבָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר זָאלְן דֶערְצֵיילְן דֶעם אייבּערשְׁטְן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, מִיר זָאלְן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֺנִי לֹא כִסִּיתִי, חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֺנִי לֹא כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַה', וְאַתָּה נָשָׂאתָ, עֲוֺן חַטָּאתִי סֶלָה, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַה', וְאַתָּה נָשָׂאתָ, עֲוֺן חַטָּאתִי סֶלָה, פַארְגִיבּ מִיר מַיין זִינְד, אִיךְ בִּין דָאךְ דַיין קִינְד, אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִיר, עֶפְן מִיר אוֹיף דַיין טִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְקְרַאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, בַּאגְלֵייט מִיר אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין פוּן הַיינְט זַיין גוּט".

**מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם קוּנְטְרֵס עֶצְתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים - שְׁקָלִים תשפ"ג לִפְרָט קָטָן:**

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר ווֶעלְן ווַייטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

ווֶער גֶעדֶענְקְט וָואוּ מִיר הָאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה? מִיר הָאבְּן דֶערְצֵיילְט ווִי דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ אָפְּגֶעבְּרֶענְט זַיינֶע הֶענְט, ווֶען זַיין מַאמֶע דִי צַדֶּקֶת מִירִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז ווֶען עֶר אִיז גֶעווֶען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר אִיר גֶעפַּאטְשְׁט, דֶער צַדִּיק הָאט גֶעווֵיינְט: "אַ מַאמֶע הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁלָאגְן?!" עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם פַייעֶר אוּן זִיךְ פַארְבְּרֶענְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט.

יֶעצְט קִינְדֶער ווֶעלְן מִיר ווַייטֶער דֶערְצֵיילְן. דֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווַייל גֵיין דַאווֶענֶען, עֶר ווִיל אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין. דֶער אייבּערשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה מִיר זָאלְן אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט דִי מִצְוָה, דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין הוֹיבְּט זִיךְ אָן ווֶען מֶען הָאט בַּר מִצְוָה, ווֶען מֶען ווֶערְט דְרַייצְן יָאר אַלְט; דֶעמָאלְט טוּט אָן יֶעדֶער אִיד דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין.

דֶער צַדִּיק נֶעמְט זַיינֶע תְּפִילִין אוּן גֵייט אִין שׁוּל מִיט אַ שִׂמְחָה, עֶר טַאנְצְט אַ גַאנְצֶע ווֶעג, עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער: "אִיךְ דַאנְק דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל טוּן דִי מִצְוָה פוּן אָנְטוּן תְּפִילִין".

עֶר קוּמְט אַרֵיין אִין שׁוּל, עֶר צִיט אַרוֹיף זַיין הֶעמְד אוּן עֶר זֶעט אַז זַיינֶע הֶענְט זֶענֶען אִים פַארְבְּרֶענְט, עֶר הוֹיבְּט אָן ווֵיינֶען: "אוֹי ווֵיי, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין..." דֶער צַדִּיק הוֹיבְּט אָן מַאכְן תְּפִילוֹת, עֶר בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אָנְטוּן תְּפִילִין, אִיךְ ווִיל טוּן דַיין מִצְוָה, אָבֶּער מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט. בַּאשֶׁעפֶער, אַ נֵס מַאךְ מִיר יֶעצְט אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, הֵייל אוֹיס מַיינֶע הֶענְט".

אוּן... וואוּנְדֶער גֶעשֶׁעט, עֶר גֶעבְּט אַ קוּק אוּן עֶר זֶעט נֵייעֶ הֶענְט, שֵׁיינֶע הֶענְט, אוֹיסְגֶעהֵיילְטֶע הֶענְט; עֶס אִיז מֶער נִישְׁט שְׁוַוארְץ, עֶס בְּלוּט מֶער נִישְׁט,

# שִׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג

עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שֵׁיינֶע נֵייֶע הֶענְט אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד.

עֶר זָאגְט: "אִיךְ דַאנְק דִיר טַאטֶע, אִיךְ לוֹיב דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער אַז מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְהֵיילְט, אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין!"

קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן שׁוֹין פָארִיגֶע וָואךְ דֶערְצֵיילְט אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מִיר דַארְפְן נִישְׁט טוּן דִי שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מִיר דַארְפְן נִישְׁט פַאסְטְן אוּן טוּן דִי זַאכְן וָואס פַּיינִיגְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים; אַנְשְׁטָאט פַאסְטְן אוּן מַאכְן סִיגוּפִים - זָאגְט דֶער רֶבִּי - זָאלְן מִיר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אָבֶּער יָא פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אוֹיף זַאכְן וָואס זֶעט אוֹיס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אַז דָאס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן, אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק הָאט גֶעטוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר נֵייֶע הֶענְט. דָאס גֵייעֶן מִיר טוּן, מִיר גֵייעֶן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ וֶועלְן מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּנְזֶער טַאטֶע מַאמֶע, מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ טַאטֶע מַאמֶע, מִיר וֶועלְן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה.

אַלֶע קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ שֵׁיין אַרָאפּ אוּן מִיר גֵייעֶן זִינְגֶען דִי שֵׁיינֶע לִיד: "וֶוען פוּן אַ הֵיילִיגֶע צַדִיק מֶען שְׁמוּעֶסְט - וֶוערְט דֶער לֶעבְּן זֵייעֶר זִיס, וֶוען מֶען רֶעדְט וָואס אַ צַדִיק טוּט - וֶוערְט מֶען עֶרְלִיךְ אִין אֵיין מִינוּט", אַלֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען: "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ - צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין עֶרְלִיךְ, רֶעדְן פוּן צַדִיקִים אִיז דִי זַאךְ - אַזוֹי פוּן בַּאשֶׁעפֶער מֶען טְרַאכְט"].

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, הָאבְּן מִיר אַלֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער: **"הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: 'אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!' דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע"** - זָאגְט מֶען עֶס מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, מֶען פְרֶעגְט הוֹיךְ: **"אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען? אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען?!"** וֶוען אַ קִינְד הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע.

מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז נָאךְ אֵיין דְרָשָׁה גֵייט עֶר אוֹיפְהֶערְן שְׁלָאגְן, וַוייל דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן בַּיי אִים אַ נַאטוּר, זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אִים נִישְׁט מְחַנֵךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ שְׁלָאגְן אוּן וַוארְפְן זַאכְן וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט דֶערְפוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט עֶר זִיךְ אָנְהֵייבְּן שֶׁעמֶען דָאס צוּ טוּן, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן מִתְוַודֶה זַיין אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וֶוען אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דִי מַאמֶע פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, אוּן פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין אַ קוּנְטְרֵס וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן פְּעוּלַת הַצַּדִיק, וִוי עֶס וֶוערְט דָארְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי מַאמֶע פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן בַּיי זַיין גֶעבוּרְט.

נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר דִי זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אַנְדֶערֶע סְפָרִים וֶועלְכֶע בַּאשְׁרַייבְּן דִי הִיסְטָארִיעֶ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז זַיין טַאטֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן בֶּעפָאר זַיין מַאמֶע.

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט וִויסְן צִי עֶס אִיז טַאקֶע פַארְהַאן חִלוּקֵי דֵיעוֹת אִין דֶעם, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ לְתוֹעֶלֶת פוּן דִי קוּנְטְרֵס וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְטֵיילְט פַאר זֵיי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִיקִים, ווּא דָבָר גָּדוֹל מְאֹד", פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר פְּעוּלַת הַצַּדִיק, אוֹת כו) אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּ אַלְטֶע עֶלְטֶערְן, זַיין פָאטֶער רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט יָאר אוּן זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט; זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם הֵיילִיג קִינְד יִשְׂרָאלִיק, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט – כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, גֶעדֶענְק אָבֶּער אַז דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר – זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם", אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט, אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטֶע'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "גֶעדֶענְק דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר – זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם"; מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אוּן הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט לְמַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר שְׁפַּאצִירְט אִין וַואלְד בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיין אִין וַואלְד?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִי וֶועלְט", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה' אֶת הָאָרֶץ". (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן נַאר הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", פְּלוּצְלִינְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וִוי עֶר אִיז נִישְׁט דָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם; פוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוָוארְן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל אִים אַיינְרֶעדְן צוּ טְרַאכְטְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט.

# בְּרִיוֹון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: 'גֶעוַואלְד! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק?' דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ' וְכוּ'". בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

עֶס אִיז דָא נָאךְ נֻסְחָאוֹת אִין דִי מַעֲשֶׂה; עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז קוֹדֶם אִיז זַיין טַאטֶע רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן נָאכְדֶעם זַיין מַאמֶע, אָבֶּער בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז מְקוּבָּל דִי מַעֲשֶׂה אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָ"אשׁ פַארְצֵיילְט דָאס.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס מֶען זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה; אֵיינְס, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אוּן וִויסְן אַז מֶען אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, נָאר מֶען אִיז אַלְץ אַרוּם גֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וָואס מֶען וִויל זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צְוֵייטְנְס, זָאלְסְט אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וֶוען מֶען הֶערְט רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", בִּיז מֶען וֶוערְט פָּטוּר פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת קרח, שנת תש"פ)

## דַארְפְן קִינְדֶער אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגְל פוּן נַיין אוּן הַאלְבּ יָאר, אִיךְ וואוֹין אִין יַבְנְאֵל, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין מִירוֹן בַּיי מַעֲרִיב.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנַיּוֹת, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן יֶעצְט לֶערְן אִיךְ גְמָרָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר הַשַּׁ"ס, אִיךְ הַאלְט יֶעצְט מַסֶּכֶת מְגִילָה י"ב.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן אִיךְ גֵיי יֶעדְן פְרַייטָאג מִיט מַיין טַאטֶע הֲפָצָה. אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֵיינֶען דִי מַעֲשִׂיּוֹת אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר שָׁבוּעוֹת בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ פַאר קִינְד אִין מַיין עֶלְטֶער אִיז גוּט אוֹיפְצוּזַיין דִי גַאנְצֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווֹאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווֹאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בַּיי דִי נַיין יָאר; עֶס זֶענֶען דָא נַיינְצִיג יֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין אֲפִילוּ אֵיין מָאל אִין זֵייעֶר לֶעבְּן דִי שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן יֶעצְט לֶערְנְסְטוּ גְמָרָא, דוּ לֶערְנְסְט שַׁ"ס כְּסִדְרָן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, דוּ וִוילְסְט וִויסְן אוֹיבּ אַ קִינְד פוּן נַיין יָאר זָאל אוֹיפְזַיין; אַוַדַאי אִיז גוּט אוֹיפְצוּזַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן, הֲלָכָה ד) אַז מֶען אִיז אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַ גַאנְץ יָאר צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל דִיר דֶערְצֵיילְן דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער שְׁלָ"ה דֶערְצֵיילְט, וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בֵּית יוֹסֵף וֶוען זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוֶוען בַּיינַאכְט, וִוי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן זֵיי אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס טוּט זִיךְ אִין הִימְל, אַ רַעַשׁ, פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען בַּיינַאכְט דֶעם תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת.

אַז מֶען זָאגְט דֶעם תִּיקּוּן בִּתְמִימוּת מִיט אַ שִׂמְחָה קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, שְׁנַת תשפ"א)

## עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דֶער וָואס לֶערְנְט מִיט דִי רֵיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ זֶענֶען דִי מְלַמְּדִים דִי גְרֶעסְטֶע מְחוּתָּנִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן: "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", בְּרֶענְגְטְס מִיר אַ גַארַאנְטִי אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי אִידְן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אַלֶעמֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֲרֵבְךָ צָרִיךְ עָרֵב", דֶער עָרֵב אַלֵיינְס דַארְף אוֹיךְ אַ גַארַאנְטִי, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְזֶערֶע גַארַאנְטִיס אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הָא וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט דָאס זֶענֶען גוּטֶע הַאפְטְן, "עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּה לָכֶם", בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער גֶעבּ אִיךְ אַייךְ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ח, ג): "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶער תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אֱמוֹר, שְׁנַת תשע"ט)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876